**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/1/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול און מעיאר עדעמס קומען ארויס מיט נייע 15 מיליאן דאלארדיגע אונטערנעמונג צו בויען פולשטענדיג-עלעקטראנישע, אפאָרדעבעל היימער אין NYC

***'צוקונפטיגע האוזינג איניציאטיוו' וועט פארשנעלערן דאס אויפבויאונג פון 3,000 קארבאן-נייטראלע היימער פאר צוגענגליכע פרייזן***

***שטיצט געמיינזאמע קלימאט ציהלן צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050, ברענגענדיג 35 פראצענט פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען צו שוואכערע קאמיוניטיס***

גאווערנער קעטי האקול און מעיאר עריק עדעמס האבן היינט געעפנט די צוקונפטיגע האוזינג איניציאטיוו (Future Housing Initiative), א נייע שותפות וואס אינוועסטירט 15 מיליאן דאלאר פארשנעלערן דאס אויפבויען 3,000 ענערגיע-שפארזאמע און פולשטענדיג-עלעקטראנישע אפאָרדעבעל היימער ניו יארק סיטי. די נייע אונטערנעמונג איז א באדייטנדע טריט פאראויס אין די ריכטונג פון די ציהלן וועלכע זענען פארגעשטעלט אין די סטעיט'ס קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ ( Climate Leadership and Community Protection Act) – אריינרעכענענדיג דאס רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050 און צו זיכער מאכן אז 35-40 פראצענט פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס – און אזוי אויך די סיטי'ס 'גרינע בויען' ציהלן אונטער לאקאלער געזעץ 97.

"מיט די צוקונפטיגע האוזינג איניציאטיוו נעמען מיר א גרויסע טריט פאראויס אין אונזער פארפליכטונג צו פארזיכערן א מער שטאנדהאפטיגע, אפאָרדעבעל און יושר'דיגע צוקונפט פאר ניו יארקער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין שטאלץ צו אריינגיין אין א שותפות מיט מעיאר עדעמס אויף די קריטישע אונטערנעמונג וואס וועט אונז העלפן אנקומען צו אונזערע לאנד'ס-פירנדע קלימאט ציהלן, פארגרינגערן צוטריט צו הייזער פאר צוגענגליכע פרייזן אין אונזערע קאמיוניטיס און אויפבויען א געזונטערע, גרינערע ניו יארק פאר יעדן."

**מעיאר עריק עדעמס האט געזאגט,** "זינט דעם ערשטן טאג איז די ציהל פון אונזער אדמיניסטראציע געווען פארבינדן ניו יארקער צו זיכערע היימער פון א הויכע קוואליטעט פאר צוגענגליכע פרייזן. די נייע שותפות וועט טוהן אלע פון די אויבנדערמאנטע און אונז גיבן די כלים עס צו טוהן אפילו שנעלער. אין ניו יארק קאנפראנטירן מיר דעם קלימאט קריזיס שטייפערהייט, און איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול פארן ארבעטן צוזאמען מיט אונז צו ברענגען די גרינערע, ריינערע און מער בליהענדע צוקונפט וואס קומט זיך פאר ניו יארקער."

ווערנדיג אפיציעל גערופן "די נייע קאנסטרוקציע צוקונפטיגע האוזינג איניציאטיוו", איז די אונטערנעמונג א רעזולטאט פון א פארברייטערטע אפמאך צווישן די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג

אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) און די ניו יארק סיטי דעפּארטמענט פון האוזינג אויפהאלטונג און דעוועלאפּמענט ( Housing Preservation and Development, HPD). די אינציאטיוו לייגט דאס פאר א ציהל צו זיכער מאכן אז די פראצעדורן צו באקומען הלוואות און גרענטס פאר דעוועלאפּמענטס זענען גרינג און געשליפן פאר אפּאָרדעבעל האוזינג פראיעקטן וועלכע ווערן יעצט געבויט דורך די HPD. די פינאנצירונג וועט דעקן די אנזאמלנדע קאסטן פון נוצן גאר-ווירקזאמע, פולשטענדיג-עלעקטראנישע 'צוקונפטיגע היימער' סטאנדארטן, וו.צ.ב. נוצן עלעקטריציטעט פאר הייסע וואסער און פאר הייצונג סיסטעמען אין די דעזיין און קאנסטרוקציע כדי צו איינשפארן ענערגיע, פאר שטאנדהאפטיגקייט און פאר בעסערע לופט קוואליטעט פאר צוקונפטיגע איינוואוינער.

אויסגעצאלט דורך NYSERDA'ס 6 ביליאן דאלארדיגע 'ריינע ענערגיע קאסע' (Clean Energy Fund), אפפערט די צוקונפטיגע האוזינג אינציאטיוו פאר געביידע אייגנטימער און דעוועלאפּערס ביז אזויפיל ווי $10,000 פער יוניט און ביז אזויפיל ווי 1.5 מיליאן דאלאר פער פראיעקט צו אויסצאלן די קאנסטרוקציע פון גאר-ווירקזאמע, פולשטענדיג-עלעקטראנישע אפּארטמענט געביידעס וועלכע וועלן זיך פארדינען די "פאסיווע הויז" (Passive House) סערטיפיקאציע — די העכסטע סטאנדארט פון קלימאט-פריינטליכע קאנסטרוקציע מיט דראסטיש רעדוצירטע ענערגיע באנוץ און קארבאן עמיסיעס. דעוועלאפּמענט מאנשאפטן וועלן אויך באקומען טעכנישע הילף און שטיצע זיי צו ערמעגליכן צו דורכפירן די נויטיגע דעזיין ארבעט. דער פראגראם וועט שטיצן ביז אזויפיל ווי 30 פראיעקטן וועלכע נעמען אריין אומגעפער 3,000 וואוינונג יוניטס.

**NYSERDA פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "דער צוקונפטיגע האוזינג פראגראם וועט פארשטעלן פאר די אפּאָרדעבעל האוזינג מארקעט א נייע מוסטער פון קאנסטרוקציע וואס קען נאכגעמאכט ווערן אויף א ברייטע פארנעם. דורכן שאפן מער געשליפענע פראצעדורן פאר דעוועלאפּערס און צושטעלן טעכנישע הילף און באלוינונגען אלץ טייל פון די פינאנצירונג מיט די HPD, מאכן מיר פארשריט מיט ענערגיע שפארזאמקייט און מיט אריבערגאנג צו עלעקטריציטעט בשעת'ן שטיצן דעוועלאפּמענט פון גאר-נויטיגע אפּאָרדעבעל הייזער פאר ניו יארקער."

**ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal, HCR) קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "די היינטיגע אנאנס זעצט פאר גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו ברענגען ענווייראמענט-שטאנדהאפטיגע אפּאָרדעבעל הייזער פאר אלע ניו יארקער. די 15 מיליאן דאלארדיגע צוקונפטיגע האוזינג אינציאטיוו וועט ערמעגליכן די דעוועלאפּמענט פון ביז אזויפיל ווי 30 ריינע, עלעקטריפיצירטע און אפּאָרדעבעל געביידעס פאר ניו יארק סיטי'ס איינוואוינער. די פראגראם, צוזאמען מיט די HCR'ס ריינע ענערגיע אינציאטיוו, וואס טוט צושטעלן ארגאנזירטע צוטריט צו צוגענגליכע האוזינג פינאנצירונג געלעגנהייטן פאר דעוועלאפּערס וואס קענען פראדוצירן סיסטעמעטישע ענערגיע, בלויז עלעקטריצטעט צוגענגליכע יוניטס, וועט פארזיכערן אז ניו יארק טוט ווייטער פירן די וועג און רעאליזירן א דיקארבאנייזד האוזינג סטאק. צוזאמען וועלן די פראגראמען בענעפיטירן נישט נאר די וועלכע קענען רופן זייער היים א מאדערנע, שטאנדהאפטיגע אפּארטמענט, נאר עס וועט אויך ערמעגליכן גאנצע קאמיוניטיס צו גניסן פון א פארבעסערטע לופט קוואליטעט צוליב רעדוצירטע עמיסיעס פון געביידעס."

**ניו יארק סטעיט אסאָוסיעישען פאר אפּאָרדעבעל האוזינג פרעזידענט און CEO, דזשאָולי מילסטין, האט געזאגט,** "די צענטראלע צוועק פון אויפבויען אפּאָרדעבעל הייזער איז צו זיכער מאכן אז ניו יארקער האבן א זיכערע פלאץ פון א הויכע קוואליטעט וואס זיי קענען רופן זייער היים — און די מיסיע הויבט זיך אן מיט אחריות'דיגע און קלימאט-פריינטליכע קאנסטרוקציע סטאנדארטן. די צוקונפטיגע האוזינג אינציאטיוו וועט צושטעלן די מיטלען פאר דעוועלאפּערס און מוטיגן פולשטענדיג-עלעקטראנישע אפּארטמענט געביידעס מיט 'פאסיווע הויז' סערטיפיקאציע, זייענדיג א גרויסע טריט פאראויס צו

רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס. דאס איז גענוי די סארט אינוועסטירונג וואס אונזער סיטי דארף צו שטיצן א פארגרעסערונג אין אפאָרדעבעל האוזינג סופּליי און מער קלימאט-פריינטליכע סטאנדארטן אין אונזערע קאמיוניטיס."

**ניו יארק סיטי דעפּארטמענט פון האוזינג אויפהאלטונג און דעוועלאפמענט קאמישאנער, אדאָלפאָו קעריאן דזשוניאר, האט געזאגט,** "עס קען נישט זיין קלימאט גערעכטיגקייט אן האוזינג גערעכטיגקייט — דאס איז די סיבה פארוואס מיר פארשנעלערן דאס בויען אפאָרדעבעל האוזינג נייטראל מיט קארבאן און אחריות'דיג צו די קלימאט, בשעת'ן זיך קאצענטרירן אויף די געזונטהייט און שטאנדהאפטיגקייט פון אונזערע געביידעס און אונזערע שכנים. א דאנק פאר אונזערע שותפים אין די סטעיט רעגירונג קענען מער דעוועלאפּערס באקומען די 'פאסיווע הויז' סערטיפיקאציע פאר אונזערע פראיעקטן, און למעשה צושטעלן ריינערע, גרינערע אפאָרדעבעל האוזינג פאר ניו יארקער."

**טשיף האוזינג אפיסער דזשעסיקע קאץ האט געזאגט,** "ניו יארק סיטי מוז פארזיכערן אז אונזער אריבערגאנג אוועק פון א ברענשטאף-געטריבענע עקאנאמיע איז יושר'דיג און גלייך. די צוקונפטיגע האוזינג אינציאטיוו מאכט פארשריט מיט די אדמיניסטראציע'ס פארפליכטונג צו פארשנעלערן ענווייראמענט-פריינטליכקייט און געזונטערע וואוינונג אומשטענדן פאר אפאָרדעבעל האוזינג איינוואוינער. א דאנק פאר NYSERDA פאר אייער שותפות מיט די וועזנטליכע אונטערנעמונג."

**טשיף קלימאט אפיסער און ניו יארק סיטי דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע באשיצונג, ראָוהיט ט. עגערוואַלא, האט געזאגט,** "גאנץ ניו יארק איז אנטשלאסן צו באקעמפן קלימאט טויש, און מיר שטעלן צו די נויטיגע שטיצע צו אויפבויען ענערגיע-שפארזאמע היימער. די צוקונפטיגע האוזינג אינציאטיוו וועט פארשנעלערן דאס אויפבויען 3,000 נייע, קארבאן-נייטראלע, אפאָרדעבעל היימער, און דורך PlaNYC וועלן מיר אוועקשטעלן א פובליק סאלאר פינאנצירונג פראגראם פאר עקזיסטירנדע היים אייגנטימער מיט נידעריגערע איינקונפט און מיט פאמיליעס פון איינס ביז פיר נפשות וועלכע געפונען זיך אין קאמיוניטיס וועלכע זענען א פריאריטעט פאר ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט. ניו יארק רוקט זיך אגרעסיווערהייט פאראויס אויף אלע פראנטן צו רעדוצירן אונזער קארבאן באנוץ."

**דעפּיוטי מעיאר פאר אפעראציעס, מירא דזשאָושי, האט געזאגט,** "אראפנעמען אונזערע היימער פון קארבאן איז וועזנטליך פאר די געזונטהייט פון אונזער שטאט און פון אונזער פלאנעט. די צוקונפטיגע האוזינג אינציאטיוו וועט ברענגען ריינע-ענערגיע בענעפיטן פאר טויזנטע פאמיליעס וועלכע וועלן אריינאטעמען ריינערע לופט, באקומען נידעריגערע יוטיליטי בילס און זיין געזונטער און זיכערער אין זייערע היימער און קאמיוניטיס. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט אונזערע פירער אזוי ווי ניו יארק סיטי און סטעיט ברענגען רעזולטאטן מיט אונזערע קלימאט פריאריטעטן און טראנספארמירן אונזערע געגנטער."

**מעיאר'ס אפיס פון קלימאט און ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט עקזעקיוטיוו דירעקטארין, קיזי טשארלס-גוזמאן, האט געזאגט,** "די סיטי און סטעיט צוזאמענארבעט איז א גרויסע טריט פאראויס פאר א יושר'דיגע אריבערגאנג, און עס וועט אויפבויען געזונטערע און מער קלימאט-שטאנדהאפטיגע היימער בשעת'ן רעדוצירן עמיסיעס און ענערגיע קאסטן צוגלייך. האוזינג גערעכטיגקייט און ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט גייען האנט ביי האנט."

**ברוקלין בארא פרעזידענט אנטאוניאו רינאָסאו האט געזאגט,** "פילע שוועריגקייטן שטייען פאר אונזער שטאט, אבער דורכן ארבעטן האנט ביי האנט מיט אונזערע סטעיט שותפים קענען מיר ערגרייכן פיל מער פון וואס מיר וואלטן געקענט אליין ערגרייכן. די שותפות וואס מישט אויס האוזינג און קלימאט גערעכטיגקייט, איז א געוואלדיגע ביישפיל פון דעם. א דאנק פאר גאווערנער האקול, מעיאר עדעמס און די פילע אנדערע וועלכע האבן זיך צוזאמגעשטעלט פאר די גוטס פון אונזער שטאט און ענווייראמענט."

אפליקאציעס פאר די ערשטע רונדע פון די צוקונפטיגע האוזינג אינציאטיוו פינאנצירונג, מיט 7.5 מיליאן דאלאר צו אויסטיילן, איז אפן פון היינט ביז יוני 1, 2023, אנגענומען דורך די HPD. א צווייטע רונדע וועט נאכפאלגן אין 2024.

געביידעס זענען צווישן די גרעסטע מקורות פון שעדליכע גאז עמיסיעס אין ניו יארק סיטי, זייענדיג פאראנטווארטליך פאר צוויי-דריטל פון אלע שעדליכע גאז עמיסיעס וועלכע ווערן ארויסגעלאזט אין די פינף באראוס. אריינבויען ענערגיע שפארזאמקייט און עלעקטריציטעט אין אפאָרדעבעל האוזינג דעוועלאפמענטס רעדוצירט קארבאן עמיסיעס און רעזולטירט אין מער שטאנדהאפטיגע, געזונטערע און באקוועמערע היימער.

די אינציאטיוו בויט ארויף אויף א פריערדיגע שותפות צו שטופן פאר אריבערגאנג צו עלעקריציטעט אין עקזיסטירנדע אפארטמענט געביידעס וועלכע גייען אריבער אויפהאלטונג ארבעט דורך די HPD דורכן פינאנצירן דאס אריינבויען ענערגיע שפארזאמקייט מאסנאמען. אנאנסירט אין 2021 האט די אריגינאלע אפמאך צווישן NYSERDA און די HPD געגעבן באדייטנדע באלוינונגען דורך די HPD's פראבע פראגראם צו אריבערפירן עקזיסטירנדע געביידעס צו נוצן עלעקטריציטעט ( Retrofit Electrification Pilot) און צו אריינלייגן ענערגיע-שפארזאמקייט מאסנאמען אין אפארטמענט געביידעס וועלכע גייען אריבער אויפהאלטונג ארבעט דורך די HPD, ספעציפיש אזעלכע וועלכע שוואכע סיסטעמען וואו דאס אריבערגיין צו עלעקטריציטעט איז א גרויסע געווינס. דער פראבע פראגראם איז ערווארטעט צו מאדערניזירן אומגעפער 1,200 אפאָרדעבעל היימער. די שותפות שטעלט צוזאם NYSERDA's ריינע ענערגיע און טעכנישע מומחיות'שאפט מיט די HPD's אפאָרדעבעל האוזינג פינאנצירונג און דעוועלאפמענט מומחיות'שאפט, מיט א קאנצענטראציע צו טרייבן די דעזיין, קאנסטרוקציע און אפעראציע פון ריינע און קלימאט-שטאנדהאפטיגע קארבאן-נייטראלע געביידעס אין שטיצע פון גאווערנער האקול'ס ציהל צו אנקומען צו צוויי מיליאן קלימאט-פריינטליכע היימער ביז 2030.

די צוקונפטיגע האוזינג אינציאטיוו איז אויך מקיים מעיאר עדעמס'ס צוזאגן אין PlaNYC: Getting Sustainability Done (פארטיגן קלימאט-שטאנדהאפטיגקייט) און Housing Our Neighbors: A Blueprint for Housing and Homelessness (הייזער פאר אונזערע שכנים: א בלופרינט פאר האוזינג און היימלאזיגקייט) צו פארשטערקערן די געזונטהייט און זיכערהייט פון ניו יארקער דורך האוזינג, אריינרעכענענדיג דורכן שטופן פאר באנוץ מיט עלעקטריציטעט און קלימאט-פריינטליכע סטאנדארטן פאר ניי-געבויטע אפאָרדעבעל הייזער. צוזאמען וועט די ארבעט ברענגען די סיטי'ס אפאָרדעבעל האוזינג אויפבויאונג באמיאונגען נאענטער אין איינקלאנג מיט ציהלן צו אויפהערן נוצן קארבאן, און עס וועט בענעפיטירן איינוואוינער דורך נידעריגערע ענערגיע קאסטן, געזונטערע לעבנס אומשטענדן און מער שטאנדהאפטיגע היימער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418